גליון 303
וירא תשפ"ז



דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# פַארְלוֹירְן אִינֶעם וַואלְד

עֶס כַאפְּט אַ פַּחַד און אַ שְׁרֶעק וֶוען מִיר פְּרוּבִּירְן זִיךְ פָארְצוּשְׁטֶעלְן דִי סְצֶענֶע: צְוֵויי קְלֵיינֶע פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, אֵיינֶער פוּן בְּלוֹיז פִיר און דֶער צְוֵוייטֶער פוּן פִינְף יָאר אַלְט, זֶענֶען אַוֶועקְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. נִישְׁט קֵיין טַאטֶע, נִישְׁט קֵיין מַאמֶע, זֶענֶען זֵיי אַלֵיין גֶעשְׁטְרַאנְדֶעט אִין אַ גְרוֹיסְן, שְׁרֶעקֶעדִיגְן וַואלְד, אָן קֵיין שׁוּם הִילְף אָדֶער שְׁטִיצֶע. עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל זִיךְ נָאכְפְּרֶעגְן אוֹיף זֵייעֶר צוּשְׁטַאנְד, אָדֶער זִיךְ זָארְגְן פַאר זֵייעֶרֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן. זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט פַארְלוֹירְן.

וָואס טוּט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן?

זֵיי זֶענֶען דְרִינְגֶענְד אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף אַ בַּאלְדִיגֶע יְשׁוּעָה. זֵיי לֶעכְצְן נָאךְ אַבִּיסְל טְרֵייסְט, נָאךְ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן - סַיי וָואס, אַבִּי צוּ קֶענֶען אוֹיף עֶפֶּעס מַאכְן אַ בְּרָכָה און אַרַיינְנֶעמֶען אִין מוֹיל, כְּדֵי צוּ קֶענֶען צוּזַאמְנֶעמֶען פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין און אִיבֶּערְלֶעבְן דֶעם טָאג.

צוּ וֶועמֶען קֶענֶען זֵיי זִיךְ וֶוענְדְן? פוּן וֶועמֶען קֶענֶען זֵיי בֶּעטְן הִילְף?

"און זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן און גֶעוֵויינְט!" דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט טוּן אִין אַזַא פַארְלוֹירֶענֶע און שְׁרֶעקְלִיכֶע מַצָּב: שְׁרַייעֶן! וֵויינֶען! אוֹיסְגִיסְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֶערְט דִי גֶעשְׁרַייעֶן אֲפִילוּ פוּן צְווִישְׁן דִי עֶנְדְלָאזֶע בֵּיימֶער אִין גֶעדִיכְטְן וַואלְד. "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין פַארְלוֹירְן!"

און וֶוער אִיז דֶער וָואס הֶערְט אוֹיס דִי גֶעשְׁרַייעֶן פוּנֶעם וַואלְד? דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִיבֶּעראַל! עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ דִי גֶעוֵויין פוּן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן הַארְץ, און עֶר וֶוערְט כִּבְיָכוֹל אָנְגֶעפִילְט מִיט גְרֶענִיצְלָאזֶע רַחֲמָנוּת. און אָט, אִין דִי רֶגַע וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און גֶעוֵויינְט אוֹיף זֵייעֶר בִּיטֶערְן גוֹרָל, הָאט דִי יְשׁוּעָה נִישְׁט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט צוּ קוּמֶען. הַארְט נֶעבְּן זֵיי הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן אַ בֶּעטְלֶער, טְרָאגְנְדִיג מִיט זִיךְ פְרִישֶׁע בְּרוֹיט...

עֲקִיבָא הָאט זִיךְ גֶעלֶעבְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶע, רוּאִיג לֶעבְּן. אִין זַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה זֶענֶען סַךְ הַכֹּל גֶעוֶוען 42 קִינְדֶער, און דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער חֵדֶר אִינֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל וואו עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט. עֲקִיבָא פְלֶעגְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ גֶעמִיטְלִיךְ שְׁפַּאצִירְן אִין חֵדֶר אַרַיין, קוּקְנְדִיג מִיט הֲנָאָה אוֹיף דִי נִידְרִיגֶע הַייזֶער און בְּרֵייטֶע הוֹיפְן אוֹיפְן וֶועג. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶערְזִינְגֶען דִי נִיגוּנִים פוּן דִי מִשְׁנַיוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג. עֶר פְלֶעגְט קוּקְן אוֹיף זַיין זֵייגֶער און זֶען אַז עֶר הָאט נָאךְ גַאנְצֶע צְוָואנְצִיג מִינוּט פַאר מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען.

אוֹיפְן וֶועג פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי אַ הוֹיף פוּל מִיט הִינֶער, און זֵיי בַּאטְרַאכְטְן מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע. עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן נָאכְצוּפָאלְגְן דִי גְרוֹיסֶע קִיעֶן. צוּמָאל פְלֶעגְט עֶר זִיךְ דָארְט פַארְזוּימֶען נָאךְ חֵדֶר פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, מִיט דֶער צַייט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פּוּנְקְטְלִיךְ נָאכְצוּמַאכְן זֵייעֶרֶע קוֹלוֹת.

אִין כִּתָּה אִיז עֲקִיבָא גֶעוֶוען אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער תַּלְמִיד און הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיוּת. עֶר פְלֶעגְט טֵייטְלֶען אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא מִיט זַיין פִינְגֶער, זִיךְ צוּהֶערְנְדִיג מִיט דָארְשְׁט צוּ ר' יְחֶזְקֵאל דֶער מְלַמֵּד. עֶר הָאט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אָט דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה גֵייט פְּלוּצְלִינְג קוּמֶען צוּ אַ הַאסְטִיגְן אָפְּשְׁטֶעל.

פַאר חוֹדֶשׁ נִיסְן, הָאט זַיין טַאטֶע אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, אַז דִי מִשְׁפָּחָה גֵייט אַרִיבֶּער קַיין יְרוּשָׁלַיִם. עֲקִיבָא הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג גֶעפוּנֶען אִין אַ כִּתָּה מִיט גַאנְצֶע 32 קִינְדֶער! בִּיז יֶעצְט אִיז זַיין גַאנְצֶע כִּתָּה בַּאשְׁטַאנֶען פוּן בְּלוֹיז אַכְט אִינְגְלֶעךְ. נָאךְ מֶער, פַאר יֶעדְן עֶלְטֶער זֶענֶען גֶעוֶוען דְרַיי פַּארַאלֶעל כִּתּוֹת! עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן. עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זֶען הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶער שְׁפִּילְן, לוֹיפְן, שְׁרַייעֶן און זִיךְ טַעֲנָה'ן. אֲפִילוּ דִי אוֹיטָאבּוּסְן אוֹיף דִי גַאסְן אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען. עֲקִיבָא הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט, פּוּנְקְט וִוי דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִינֶעם וַואלְד.

ר' נַחְמָן, דֶער מְלַמֵּד, הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר עֲקִיבָא, און עֶר פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן. נָאכְן לֶערְנֶען, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶעקְגֶעזֶעצְט מִיט אִים און אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִינֶעם וַואלְד. "זָאלְסְט וִויסְן," הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, "אִין יֶעדְן שְׁוֶוערְן מַצָּב אִין לֶעבְּן, אִיז שְׁטֶענְדִיג – אָבֶער שְׁטֶענְדִיג – דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אוֹיסְצוּפְלַאצְן אִין אַ גֶעוֵויין צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער און בֶּעטְן פוּן אִים פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ. פּוּנְקְט וִוי דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן און גֶעוֵויינְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן וַואלְד, און דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵיי גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן און זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם בֶּעטְלֶער מַמָּשׁ אִינְמִיטְן זֵייעֶר צָרָה."



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ג - דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (2)

**וַיְהִי הַיּוֹם.** און סֶע גִיוֶוען **אֵיין בְּרִיחָה אִין אֵיין מְדִינָה.** זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּלָאפְן גִיוָוארְן. ווִי זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גִיוָוארְן, זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען דָארְךְ אֵיין וַואלְד. הָאבְּן זֵיי דָארְט פַארְלוֹירְן צְוֵויי קִינְדֶער, אַ זָכָר און אַ נְקֵבָה. אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ זָכָר, און אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ נְקֵבָה. און זֵיי זֶענֶען נָאךְ גִיוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער. פוּן פִיר פִינֶעף יָאהר.

**דִי קִינְדֶערְלִיךְ הָאבְּן נִיט גִיהַאט וָואס צוּ עֶסְן,** הָאבְּן זֵיי גִישְׁרִיגְן און גִיוֵויינְט, וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִיט גִיהַאט וָואס צוּ עֶסְן.

**דֶערְוַוייל** אִיז צוּ זֵיי אָנְגִיקוּמֶען אֵיין בֶּעטְלֶער, עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דִי טָארְבֶּעס. הָאבְּן דִי קִינְדֶער אָנְגִיהוֹיבְּן טְשֶׁעפֶּען זִיךְ צוּ אִיהם, און צוּ טוּלֶען זִיךְ צוּ אִיהם. הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי גִיגֶעסְן. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט, פוּן וַואנֶעט קוּמְט אִיהר אַהֶער. הָאבְּן זֵיי אִיהם גִיעֶנְפֶערְט מִיר ווֵייסְן נִיט, וָוארְן זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

**הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי.** הָאבְּן זֵיי אִיהם גִיבֶּעטְן, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט דָאס ווִיל אִיךְ נִיט, אַז אִיהר זָאלְט גֵיין מִיט מִיר.

דֶער וַוייל הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גִיטָאן, אִיז דֶער בֶּעטְלֶער בְּלִינְד. אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען, אַז עֶר אִיז בְּלִינְד, ווִי אַזוֹי ווֵייסְט עֶר צוּ גֵיין (און צוּם אֶמֶת, אִיז דָאס אַלֵיין אַ חִידוּשׁ, וָואס דִי קִינְדֶער אִיז דָאס קָשֶׁה גִיוֶוען. וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער גִיוֶוען. לוּשְׁמִיר זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען קְלוּגֶע קִינְדֶער, אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען)

**הָאט עֶר זֵיי גִיבֶּענְטְשְׁט** (דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער), אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ. און עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גִילָאזְט נָאךְ בְּרוֹיט, און עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**הָאבְּן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטַאנֶען,** אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אוֹיף זֵיי הַשְׁגָּחָה גִיהַאט, און עֶר הָאט זֵיי צוּ גִישִׁיקְט אַהֶער אַ בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, עֶר זָאל זֵיי גִיבְּן עֶסְן.

**דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי אוֹיס גִיגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט.** הָאבְּן זֵיי ווִידֶער אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן עֶסְן. דֶערְנָאךְ אִיז גִיוָוארְן נַאכְט, הָאבְּן זֵיי דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט.

אִין דֶערְפְרִי, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער נִישְׁט גִיהַאט צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גִישְׁרִיגְן און גִיוֵויינְט.

**דֶערְוַוייל, אִיז ווִידֶער אָנְגִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער,** וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ טוֹיבֶּער, הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ אִיהם צוּ רֵיידְן, ווַייזְט עֶר זֵיי מִיט דִי הֶענְט און זָאגְט צוּ זֵיי. אִיךְ הֶער גָאר נִיט. און דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן,

און הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גִיוָואלְט, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גִיוָואלְט. און עֶר הָאט

זַיי אוֹיךְ גִיבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. אוּן הָאט זַיי אוֹיךְ גִילָאזְט בְּרוֹיט, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זַיי דָאס בְּרוֹיט אוֹיךְ אוֹיסְגִיגַאנְגֶען,** הָאבְּן זַיי ווִידֶער גִישְׁרִיגְן כַּנַ"ל.

אִיז ווִידֶער גִיקוּמֶען צוּ זַיי אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ כְּבַד פֶּה. (כְּלוֹמֶר עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל) הָאבְּן זַיי אָנְגִיהוֹיבְּן מִיט אִיהם צוּ שְׁמוּסְן.

**הָאט עֶר גִישְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד.** הָאבְּן זַיי נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר רֶעט, אוּן עֶר הָאט יָא גִיוואוּסְט וָואס זַיי רֶעדְן. נָאר זַיי הָאבְּן נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר רֶעט, וָוארְן עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפְּלְט.

**הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זַיי אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן.** אוּן אִיז זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זַיי אוֹיךְ גִיבֶּענְטְשׁ, אַז זַיי זָאלְן זַיין ווִי עֶר, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּנַ"ל.

**דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער,** וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְדְז. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען כַּנַ"ל,

**דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אַ** הוֹיקֶער.

**דֶערְנָאךְ** אִיז ווִידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן הֶענְט.

**דֶערְנָאךְ** אִיז גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן פִיס. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זַיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. אוּן הָאט זַיי גִיבֶּענְטְשׁ. אַז זַיי זָאלְן זַיין אַזוֹי ווִי עֶר, גָאר אַזוֹי ווִי יֶענֶע בֶּעטְלֶערְס כַּנַ"ל.

**דֶערְנָאךְ,** אִיז בַּיי זַיי ווַייטֶער דָאס בְּרוֹיט אוֹיסְגִיגַאנְגֶען. הָאבְּן זַיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין יִשׁוּב אַרַיין, בִּיז זַיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ וֶועג. זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג.

**בִּיז זַיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין דָארְף.** זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין. הָאט מֶען אוֹיף זַיי רַחְמָנוּת גִיהַאט. אוּן מֶע הָאט זַיי גִיגִיבְן בְּרוֹיט. זֶענֶען זַיי ווַייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין גִיגַאנְגֶען. הָאט מֶען זַיי דָארְט אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט.

**פְּלֶעגְן זַיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער.** הָאבְּן זַיי גִיזֶעהְן סֶע גוּט, מֶע גִיט זַיי בְּרוֹיט, הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זַיי זָאלְן תָּמִיד זַיין אִין אֵיינֶעם.

אוּן זַיי הָאבְּן זִיךְ גִימַאכְט גְרוֹיסֶע טָארְבֶּעס. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע שִׂמְחוֹת, אוֹיף בְּרִית'ן אוּן אוֹיף חַתוּנוֹת. אוּן זַיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען ווַייטֶער,

**אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָעט אַרַיין.** אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער, אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף דִי יְרִידִים. אוּן פְלֶעגְן זִיצְן צְווִישְׁן דִי בֶּעטְלֶערְס, אַזוֹי ווִי זֵיי זִיצְן דָארְט אוֹיף דִי פְּרִיזְבֶּעס מִיט דִי טֶעלֶער.

**בִּיז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גִיוֶוען מְפוּרְסָמִים בַּיי** אַלֶע בֶּעטְלֶערְס. וָוארְן אַלֶע הָאבְּן זַיי גִיקֶענְט, אוּן הָאבְּן פוּן זַיי גִיוואוּסְט, אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס זֵי זֶענֶען פַארְפַאלְן גִיוָוארְן אִין וואַלְד כַּנַ"ל.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (2)

**א. וואו זענען די קינדער פארלוירן געווארן ?**
- ❑ אין א שטאט
- ❑ אין א מדבר
- ❑ אין א וואלד

**ב. וואס איז געווען דער ערשטער בעטלער?**
- ❑ א בלינדער
- ❑ א טויבער
- ❑ א כבד פה

**ג. וואס האט זיי דער בעטלער געוואונטשן**
- ❑ גרויסע עשירות
- ❑ זיי זאלן טרעפן זייער עלטערן
- ❑ זיי זאלן זיין אזוי אלט וואו איס

**ד. וואס האט זיי דער בעטלער איבערגעלאזט**
- ❑ ברויט
- ❑ וואסער
- ❑ פרוכט

**ה. וואס איז געווען דער פערדער בעטלער ?**
- ❑ א הויקער
- ❑ א קרומער האלדז
- ❑ אן הענט

**ו. *שאלת מכות: וואס איז דער סדר פון די בעטלערס?***
- ❑ *א טויבער, א בלינדער, א כבד פה, א הויקר, א קרומער האלדז, אן הענט, און פיס.*
- ❑ *א בלינדער, א טויבער, א כבד פה, א קרומער האלדז, א הויקר, אן הענט, און פיס*
- ❑ *א טויבער, א כבד פה, א בלינדער, א הויקר, א קרומער האלדז, אן הענט, און פיס.*

**ז. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוועלט



## טיפער געטראכט

**אווא נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א"יריד" ?**

**ביי וועלכע מעשה ווערט דערמאנט א אינגאלע מיט א מיידאלע וואס זיי זענען האלט פיר יאר ?**

**אלע בעטלערס האבן זיי געבענטש איי זיי זאלן זיין אזוי זיי – ביי וועלכע בעטלער האט דער רבי מפרש געווען וואס ער האט זיי געבענטש ?**

**זיי זענען געגאנגן אויף אלע שמחות – וואסארא שמחות איז דער רבי מפרש ?**

**וויפל מאל ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א "חתונה" ?**

## תשובות אויף די מעשה פון די זיבן בעטלערס (1)

ביי וועלכע נאך מעשה דערציילט דער רבי אויף א מלך וואס האט געהאט א בן יחיד און האט אים אפ גיגעבין די מלוכה ?

**מעשה ב' פון דער מלך און דער קיסר** - וַיְהִי הַיּוֹם און עֶס אִיז גִיוֶועןּ אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֶּן יָחִיד... און הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דִי מְלוּכָה

ביי וועלכע נאך מעשה שטייט "ווי בין איך אין דער וועלט" ?

**מעשה א' פון אבידת בת מלך** – דער משנה למלך האט דאס געפרעגט פאר דער משרת צוויי מאל

דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com